„א פרוי'ס טרעהרען"

א ראמאן אויס דעם אידישען לעבען אין רוסלאנד און אמעריקא.

(ספעציעל געשריעבען פאר'ן „אידישען זשורנאל".)

פון ב. באראן.

(20־טע פארזעצונג)

ווען עס איז גוט טונקעל געווארען
נען זיי ביידע אהיים געגאנגען אבער
ט צוזאמען, נאר דורך באזונדערע ווע־
ן, רחלע איז פריהער געגאנגען. זיי
בען אפגערעדט זיי זאלען זיך מארגען
יף דעם זעלבען פלאץ טרעפען אין דער
לבער צייט.

יאקאב איז אויסער זיך פאר פרייד
וועז, ער איז שוין מיט זיין זיעג זיכער
וועז, וועגען דעם אז זי איז שוין זיינע
גען דעם האט ער שוין מעהר ניט גע
וויפעלט נאך איינמאהל זיך זעהען מיט
הר דא אין וואלד אליין און.... ער האט
יין אבער געפלאנט אן אנדער זאך און
זס איז ווי אזוי צו באוועגען זי אז זי
ל נעהמען ביים טאטען געלט און איהם
בען, ווי אזוי זי אויסצולעקרגען זי זאל
בענען ביים טאטען פון קאסע און איהם
ם איבערגעבען, ער האט צו זיך אליין
לבסט צופריעדען געשמייכעלט און איז
וועז העכסט צופריעדען מיט זיין זיעג.
ט וויסענדיג וואס צו טון האט ער אנ
באנגען אונטערצופייפען א גאנץ באקאנ
ע לידעל, האט ארונטערגענומען די הוט
ן דעם ראק און ביידע זאכען געהאלטען
ן איין האנט מיט דער צווייטער האט
ארונטערגעריסען א ווייך צווייגעל פון
גאנץ יונגער לאזהוער בוימעלע און
אט מיט איהר באוועגט ארויף און אראפ
ן דער לופטען וואס האט יעדעס
אהל ארויסגערופען א פייף.

רחלע איז אהיים געגאנגען פאר־
ראכט, טיף אין הארצען האט זי עפעס
פיהלט מאדנע זי האט זיך ווי א פאר
עבערין געפיהלט געגען איהרע עלטע־
ן עפעס האט איהר אויסגעוויזען אז
האט אפגעטון אזוינס וועלכעס איהרע
לטערען וועלען איהר קיינמאהל ניט
חל זיין פון דער צווייטער זייט איז זי
בער העכסט צופריעדען געווען וואס עס
אט זיך אזוי געמאכט, וואס זי מיט יא־
בן האבען פריי גערעדט און דאס וואס
וויים שוין פון איהרע געפיהלען צו
הם, זי האט זיך שוין געפיהלט ווי
כלה וועלכע האט א חתן און באלאנגט
ן גאנצען צו איהם פונקט ווי ער באַ־
נגט אין גאנצען צו איהר.

איהר פאנטאזיע האט איהר געמאה
ען די שעהנסטע און רייצענדעסטע ביל
ער פון דער צוקונ[illegible] זי איז אויסער
וועהנליך פרעהליך גע[illegible], זי האט גע־
יהלט ווי ארומכאפען די גאנצע וועלט
ון קושען, אבער מערקווירדיג זי האט
ורא געהאט און זיך געשעהמט צו קוקען
עם טאטען גלייך אין די אויגען און האט
איהם אויסגעמידען פונקט ווי זי וואלט
עם גרעסטען פארברעכען געגען איהם
באגאנגען.

יענע נאכט האט זיך רחלע זעהר שפעט געלייגט שלאפען, און ווען זי האט זיך שוין געלייגט האט זי זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער געקייקעלט און האט ניט געקענט איינשלאפען. פארשיעדענע מאדנע געדאנקען האבען זיך איהר געשפארט אין קאפ זענען אוועק און אנדערע האבען זייער פלאץ פארנומען און וועלכע מאדנע טשיקאווע חלומות פון וועלכע זי האט גאר קיינמאהל ניט געדאכט האבען זיך איהר געחלומט. עס האט זיך איהר געחלומט אז דער טאטע האט זי געוואלט שלאגען און יאקאב האט זיך פאר איהר איינגעשטעלט איז געקומען צו א געשלעג צווישען יאקאבן און איהר פאטער. אזעלכע און עהנליכע חלומות האבען זי א גאנצע נאכט געפלאגט. זי האט לייכטער אפגעאטעמט ווען זי איז אין דער פריה אויפגעשטאנען און איז געווען העכסט צופריעדען וואס דאס איז בלויז א חלום געווען.

רחלע איז זיכער געווען פונקט אזוי ווי יאקאב־אז זייער ליעבע איז א סוד און חוץ זיי ביידען ווייס וועגען דעם קיינער אין דער וועלט. אבער זיי האבען ניט קיין קליינעם טעות געהאט. צוויי שווארצע אימער פארחלומטע אויגען האבען זיי נאכגעקוקט און האבען געהיט זייער יעדען טראט, עס איז ניט געווען קיין באוועגונג וועלכע זיי האבען געמאכט אז די דאזיגע צוויי אויגען זאלען זיי ניט באגלייטען, עפעס ווי א געהיימע מאכט זענען די צוויי אויגען אימער אויסגעוואקסען דארטען וואו רחלע מיט יאקאבן האבען זיך געפונען, די דאזיגע צוויי אויגען האבען געהיט זייער יעדע באוועגונג און האבען פון אלעס געוואוסט.

אויפ'ן צווייטען טאג איז שוין יאקאב געווען דער ערשטער אויפ'ן פלאץ. ער איז געווען געקליידט אין א בלויער זיידענער העמדעל מיט א זיידענעם בלויען בענדעל אויפ'ן גארטעל וועלכע האבען איהם זעהר געפאסט. א שווארצען רעקעל האט ער געטראגען אויפ'ן האנט און אויך זיין געוועהנליכע הוט. זיי האבען זיך שוין ניט מעהר באגריסט מיט קיין ווערטער א לאנגער ליידענשאפטליכער קוש אויף די ליפען איז געווען זייער באגריסונג. און גלייך האט זי יאקאב ארומגענומען ארום טאליע און האט זי אנגעפאנגען פיהרען אליין ניט וויסענדיג וואוהין צווישען ביימער, בערגלאך און טאלען ווייטער אין וואלד, ער האט זיך ריכטיג אויסגעפרעגט ווי אזוי זי האט לעצטע נאכט פארבראכט צי זי האט געהאט גוטע חלומות און ניט ווארטענדיג אויף איהר ענטפער האט ער אליין גערעדט און דערצעהלט ווי אזוי ער האט ניט געקענט שלאפען און ווי ער האט געבענקט נאך איהר און האט געוואונשען כאטש נאך איין מאהל א קוק טון אויף איהר און בלויז איין בליק וואלט זיין נייגריגקייט געזעטיגט.

אזוי שפאצירענדיג האט רחלע אנגעשפארט איהר שעהנעם קאפ אויף זיין ברייטען אקסעל. איהר איז אזוי אנגענאם געווען צו הערען ווי שעהן ליעבליך און טייער ער רעדט. זי האט זיך מיט יעדען ווארט זיינעם געקוויקט.

זיי זענען אזוי לאנג געגאנגען און ער האט אלץ ניט אויפגעהערט צו ריידען ביז זיי זענען אריינגעקומען אין א טיפען טאהל מיט צוויי הויכע בערג ביי די זייטען וועלכע מען האט מיט'ן בליק קוים גרייכען געקענט. און זיי זענען געבליבען שטעהן, רחלע האט געמוזט מודה זיין אז טראצדעם וואס זי איז שוין אין דעם וואלד צענדליגע מאהל געווען דאך איז זי אין דעם טהאל ניט געווען. די לופט איז דא געווען א סך קיהלער. עס האט זי אין טאהל ווי א פייכקייט געפיהלט.

יאקאב האט זיך ארומגעקוקט ווי וועלענדיג זיך איבערצייגען אז קיינער זעהט ניט און האט פעסטער צוגעדריקט רחלען צו זיך מירמלענדיג דערביי, ווי פראכטפאל עס איז זיך דא צו ליעבען, אהער וואו הין קיין מענשליכע אויג קען ניט גרייכען ווי גוט דא איז אליין צו זיין און האט זיך מיט זיינע ליפען איינגעגראבען אין איהר ווייסע שעהנעם האלדז, ווי אן עלעקטרישער שטראם איז זיין קוש דורכגעגאנגען איהר קערפער, זי איז ווי פארשיכורט געווארען, עס האט זי עפעס מאדנע דורכגענומען און דאס בלוט אין איהרע אדערען האט שנעלער אנגעפאנגען צו פליסען.

יאקאב האט מיט די אויגען געפונען א פלאץ וואו ער האט זי צוגעפיהרט און זי אוועקגעלייגט אויפ'ן גראז, ער האט זי ניט אויפגעהערט צו קושען און דריקען צו זיך ער האט איהר גאנצען פנים באדעקט מיט זיינע הייסער פייערדיגע קושען.

רחלען איז מאדנע הייס געווארען. זי האט געברענט ווי א פייער אין די אויגען האט איהר געשווינדעלט, זי האט ניט געוואוסט וואס מיט איהר טוט זיך, זי האט בלויז געפיהלט יאקאב הייסען אטעם פון וועלכען זי איז שיעור פארברענט געווארען.....

א לאנגער דורכדרינגענדער פייף און א שטארקער בילען פון הינט ניט ווייט פון זיי האט זיי ניט ווילענדיג אפגעקיהלט.

(פארזעצונג קומט)

נאר פאר 12 טעג

א גרויסער אויספארקויף

פון אלע סארטען

דזשולערי

רינגען, דייגערס וואטש-גלעזער

א. ד. ג.

איך גיב יעצט אויף מיין סטאר, און איך פארקויף דארום אלעס אונטער קאסט פרייז.

ביז דעם 20־טען מוז אלעס פארקויפט ווערען, און דארום איז עס אין אייער פראפיט צו קויפען יעצט.

קויפט יעצט און שפארט געלט

ספעציעל פאר דזשולערס

מיר זענען אויך גרייט צו פארקויפען גאנצע דזשאב-לאטס צו דזשולערס — עס וועט אייך לוינען ביי מיר אפצוקויפען מיין סטאק ניבער ווי אין האלסייל

ם. העלער

176½ קווין סטריט וועסט

אויף דער שוועל פון דער גאולה

פון מרדכי דאנציס.

ווען מען זאל היינטיגען טאג שטעלען די פראגע: אין וואס בעשטעהט דער גרעסטער פערדיענסט פון ציוניזם פארן יודענטום? וואלט דער לאגישסטער און ענטשיעדענסטער ענטפער געדארפט זיין: אין דער ארגאניזירונג פון אידישען פאלק!

וואס זיינען מיר געווען ביז דער ציוניזם האט אריינגעגאסען זיין אויפלעבונגס באלזאם אין ארגאניזם פון אונזער פאלק? א צוזייטע און צושפרייטע מאסע וועלכע איז געווען פארבונדען בלויז דורך די פעדים פון דער ווייטער אלטער גרויער פארגאנגענהייט און די קוים מערקבארע האפנונגס שטראהלען פון א נאך ווייטערער פערנעבעלטער צוקונפט.

א צענטער אויף וועלכען אלע אונזערע האפנונגען און חלומות זאלען זיך קאנצענטרירען האט געפעהלט אין אונזער לעבען, אונזער צער און צארען אונזער גלויבען און האפען האבען זיך ארומגעטראגען „בנשמות ערטילאין" און געווארט אויף א תיקון.

ארגאניזירענדיג דאס אידישע פאלק פאר זיין גרויסער אויפלעבונגס ארבייט האט דער ציוניזם ניט נור מתקן געווען די בלאנזשענדע נשמה פון אונזער ערלעזונגס אידעאל נור אויך געגעבען איהם א גוף א ממשותדיגען אינהאלט אין דער ווירקליכקייט.

אהן דעם ציוניזם איז אונזער נאציאנאלע איינהייט געווען בלויז אן אבסטראקציע, מיט דעם ציוניזם זיינען מיר א נאציאן מיט וועלכער די גאנצע וועלט מוז זיך רעכענען.

אהן דעם ציוניזם זיינען מיר געווען אפגעריסענע און צעווארפענע איינער פון צווייטען, אונזערע שטרעבונגען זיינען דורך דעם בייזער האנד פון גלות געשפאלטען געווארען אויף טויזענד שטראמען, מיט דעם ציוניזם איז געשאפען געווארען דער ים וואו די אלע שטרעבונגען גיסען זיך צוזאמען.

און דאס אליין האט אויפגעטהאן דער ציוניזם מיט דעם וואונדער כח פון ארגאניזאציאן — די ארגאניזאציאן וואס האט בריקען איבער די פיעלע אפגרונדען פון אונזער לעבען אריבערגעווארפען און פרעמדע און דערווייטערטע צוריק פאר נאהענטע און אייגענע געמאכט.

הערצל איז געווען דער ערשטער וואס האט אנגעהויבען די ריזיגע ארבייט צו ארגאניזירען דאס צוריסענע און צעשפליטערטע אידישע פאלק, און די ארבייט געהט נאך אן ביז היינטיגען טאג. אנגעהויבען האט ער מיט דעם וואס ער האט געשאפען די ציוניסטישע פארטיי. די ציוניסטישע פארטיי האט אבער דער אונשטערבליכער פאטער פון פאליטישען ציוניזם ערקלעהרט — איז דער ליכטיגער פונקט אויף וועלכען אלע קלאסען און שיכטען פון פאלק וועלען זיך גרופירען, די ציוניסטישע פארטיי דארף ווערען מיט דער צייט דאס ארגאניזירטע אידישע פאלק.

און די ציוניסטישע פארטיי האט פארגעזעצט די ארבייט אין די ליניען ווי דער געניאלער פיהרער האט זיי אנגעצייכענט די הויפט ארבייט פון דער ציוניסטישער פארטיי ביז היינטיגען טאג בעשטעהט אין ארגאניזאציאן צו ארגאניזירען די אידישע מאסען און פעראייניגען די צעשפליטערטע כחות פון פאלק און אויפבויען איין רעזערוואואר פאר אונזערע שאפענדע קרעפטען, וועלכע מיר האבען ביז היינט אויסגענוצט אזוי וועניג פאר אונזער אייגענער ערלעזונג און בעפרייאונג.

דאס פראבלעם פון ארגאניזאציאן איז ביז היינטיגען טאג איינע פון די וויכטיגסטע פאר די ציוניסטען פון דער גאנצער וועלט, טראץ דעם וואס דער ציוניזם האט שוין אזוי פיעל גרויסעס און וואונדערליכעס אויפגעטהאן אין דער ריכטונג.

די גרויסע היסטארישע מאמענטען פון די לעצטע פאר יאהר האבען אונז בעזאנדערס קלאהר דעמאנסטרירט ווי שרעקליך אונזערע נאציאנאלע אינטערעסען ליידען דורך דעם וואס מיר זיינען נאך ניט ווי געהעריג ארגאניזירט, וואלט דער ציוניסטישער אויפלעבונגס רוף באלד ביים אנהויב געווען געפונען א טיפערען אבקלאנג אין הארצען פון פאלק און די באלפור דעקלאראציע וואלט אונז געווען געטראפען מעהר צוגעגרייטע און ארגאניזירטע און עס איז זיכער אז די פעררעטער וואס געפונען זיך צווישען אונז וואלטען קיין שטימע ניט אויפגעהויבען און יעדער דארן און שטיין וואלט אפגערוימט געווארען פון אונזער בעפרייאונגס וועג.

נור דורך דעם וואס אונזער ארגאניזאציאן איז נאך ניט אזוי שטארק ווי זי וואלט געדארפט זיין האבען קאהען וסיעתו געקענט האבען די פעררעטערישע החוצפה צו טענה'ן אז די ציוניסטישע פארטיי רעפרעזענטירט ניט דאס אידישע פאלק, פונקט ווי עס טענה'ן די אסימילאטארען פון האלב און גאנץ גענאסענשאפטליכען לאגער.

דאס פראבלעם פון ארגאניזאציאן איז ווי געזאגט איינע פון די וויכטיגסטע פאר די ציוניסטען פון דער גאנצער וועלט פון גאר באזונדערער וויכטיגקייט איז דאס דאזיגע פראבלעם אבער פאר ציוניסטען פון אמעריקא און קאנאדא.

דער היגער ציוניסט האט פאר זיך איצט אזעלכע ריזיגע אויפגאבען וואס נור מיט דער הילף פון א ריזיגער ארגאניזאציאן וועלען זיי קאנען דורך געפיהרט ווערען און הערפאר איז די איצטיגע בעוועגונג צו שאפען א פיעל פארגרעסערטע ציוניסטישע מיטגליעדערשאפט אזא צייטיגע און פאדערט אז יעדער אונץ פון ציוניסטישער ענערגיע זאל אויף איהר אויסגעניצט ווערען.

די ציוניסטישע בעוועגונג קוקט מיט גלויבען און צוטרויען אויף ציוניסטען, דער ציוניזם נויטיגט זיך איצט אין הויזיגע פאנדען כדי צו קענען דורכפיהרען אונזער גרויסע ארבייט אין ארץ ישראל און מיר ערווארטען אין דער הינזיכט זעהר פיעל פון די אידען אין אמעריקא.

די דאזיגע ערקלעהרונג האט געמאכט ווייצמאן אויף דער ציוניסטישער קאנפערענץ אין לאנדאן און דאס איז ניט געווען בלויז א קאמפלימענט, א קניפ אין בעקעל, די אמעריקאנער ציוניסטען, אז אזוי ווי זיי האבען זיך ארויסגעוויזען פאר וואוילע בחורים וועלען זיי פאלגליך אויך ווייטער טהאן גוטע ארבייט, ניין ווייצמאן האט מיט זיינע ווערטער ארויסגעדריקט די געפיהלען און מיינונגען פון די ציוניסטען פון דער גאנצער וועלט, און ער האט געזאגט, אז די ציוניסטישע בעוועגונג קוקט מיט גלויבען און צוטרויען אויף אמעריקאנער ציוניסטען, ווייל אמעריקאנער ציוניסטען זיינען ווירקליך די איינציגע וועלכע עס איז באשערט צוצושטעלען די ערשטע ציגעל און ליים פאר דעם בויען פון אונזער בעפרייאונג.

ווי ווייצמאן האט ווייטער ערקלערט נויטיגט זיך איצט דער ציוניזם אין ריזיגע פאנדען און אז אין דיזער הינזיכט ווערט פיעל ערווארטעט פון די היגע אידען. אום אבער, די היגע אידען זאלען קאנען ערפילען די האפנונגען און ערווארטונגען וואס מען לעגט אויף זיי אין דער איצטיגער גרויסער ציוניסטישער צייט איז נויטיג, אז זיי זאלען זיין ארגאניזירט אונטער דער ציוניסטישער פאהן און אן ארגאניזירטע ציוניסטיש יודענטום וועט ניט נור קענען צושטעלען די פאנדען פאר דער אויפבויאונג פון ארץ ישראל, נור וועט בכלל ווערען א וויכטיגער פאקטאר אין יעדען טייל פון אונזער ערלייזונגס ארבייט.

א ציוניסטיש ארגאניזירט אידענטום ניט גאר א ברכה פאר ארץ ישראל נאר אין אמעריקא און קאנאדא מיינט אבער טאקע פאר דער צוקונפט פון דער אידישער אמעריקא גופא, א ציוניסטיש ארגאניזירט יודענטום אין אמעריקא און קאנאדא מיינט א פאנציר פאר דעם דראנג פון אינוועניגסטער און דרויסענדיגער אסימילאציע, א ציוניסטיש ארגאניזירט יודענטום מיינט א ראדיקאלער איבערבוי פון דעם גאנצען היגען תוהו ובוהודיגען אידישען לעבען.

מיניאטורען

פון י. י. סיגאל

לייכטער.

פון איהר ריינער מאמען וואס איז געשטארבען בשעת זי איז געבארען געווארען — אין קימפעט — זיינען איהר א פאר אלטמאדישע לייכטער ירושה געבליבען.

ביי א מומען האט זי זיך אויפגעכאוועט, א פרעמדער שטרענגער פעטער האט איהר ערצויגען. ביי זיינען קינדער איז זי א דינסטמיידעל געווען ביז זי איז איין און צוואנציג יאהר ווערים געווארען, אנגעקליבען א פאר הבעל, א שיפקארטע געקראגען פון איהרען א ברודער אין אמעריקא, און זי איז פון פעטערס הויז ארויס פון שטעדטעל אוועק, קיין אמעריקא צו איהר ברודער, אין א נייער וועלט גליקליכער ווערען, און גליקליכער לעבען.

איז זי געקומען אהער.

דעם מזל פון אלע מיידלאך האט זי אויך פאר ליעב אנגענומען, זיך אין שאפ אויסגעזעצט אינאיינעם מיט א סך פון איהר גלייכען, גענעהט פון פריה ביז אווענט, און אין די זונטאגען פלעגט זי רוהען און בענקען. נאך וואס בענקען? אפשר אהיים? אפשר נאך עמיצען נאך וועמען אלע מיידלאך בענקען.

אין שאפ איז זי א פאר יאהר אפגעזעסען, האט זיך איינער וואס איז ביי א מאשין נאהענט נעבען דעם טיש ביי וועלכען זי איז געזעסען און גענייט אין איהר איינגעליעבט, איהר פון שאפ ארויסגענומען, אין אן ארעם הויז אריינגעזעצט, געמאכט פאר איהר א שטיקעל לעבען, און אינאיינעם געהאפט.

געהאפט אויף עפעס.

זיצט זי גאנצע טעג, לייענט א ביכעל ווערט מיעד צו לייענען, לייגט עס צוריק אויפ'ן קאמאד אוועק, האלט ריין דאס הויז, גרייט צו אלץ פאר איהר געטרייען מאן, און איז איהם אזוי געטריי, און האט איהם ליעב.

אבער עלענד איז זי.

קיין פריינט האט זי ניט. צום ברודער האט זי ניט שטארק האלך צו געהן, די שוועגערין קריגט זיך מיט'ן מאן און באשולדיגט איהם אז ער איז זיין שוועסטער געטרייער ווי זיין אייגען ווייב און קינדער, לאזט זי איהם צו חוה און געהט אין ערגעץ ניט.

א גאנצע וואך זיצט זי און זי ווארט פון פריה ביז שפעט ווען איהר מאן קומט, אמאל געהט מען ערגעץ ארויס מעהרסטענס זיצט מען אין הויז, מען רעדט וועגען אונצופרידענקייט, און מען האפט, מען האפט, מען האפט.

איין טאג אין וואך לעבט זי אפ, און אטעמט אויף פרייער —

פרייטאג.

ראמט צו דאס הויז, וואשט זיך ריין ארום, פארפלעכט זיך צוויי שעהנע צעפ ארומגעדרעהט אין דער רונד פון קאפ, און קוקט יעדען ווייל פון פענסטער ארויס און וויל עס זאל שוין טונקעל ווערען, אווענטליך, און זי זאל קענען ליכט בענשען, אין די לייכטער וואס זיינען פון איהר מאמען געבליבען.

פרייטאג איז זי ניט עלענד.

פרייטאג פילט אן א מאדנע פרייד איהר ארים ווינקעלע.

א באזונדערע שבת'דיקייט פיהלט זי אינ'ם אנקומען פון שבת, כאטש איהר מאן איז א קנאפער פרומער, דאוונט קיינמאל ניט, זי איז אויך ניט פון די שטארק פרומע, קאן נישט, מען קאן ניט זיין היינטיגע צייטען פרום בפרט אין אמעריקא. יונגע מענשען, היינטיגע מענשען.

דאס ליכט בענשען איז פאר איהר ווי מעהר ווי מקיים זיין א מצוה, א סך א סך מעהר און א סך הייליגער.

די לייכטער רייבט זי אפ יעדען פרייטאג ווערען זיי גלאנצענדיג כמעט ווי נייע דאן שפרייט זי א ריין אויסגעוואשענעם סערוועט שטעלט די לייכטער אוועק ביים ברעג טיש, און שפיגעלט זיך אין זיי.

הארכט זיך איהר אז פרייטאג איז זי ניט אליין.

יעדען פרייטאג קומט אימיצער און פארבלייבט ביי איהר איבער שבת, און עס איז איהר אזוי גוט, אזוי היימיש.

און ווען זי צינדט אן די צוויי ליכט אין די לייכטער זעהט זי אין די קליינע פלאמעלאך צוויי גוטע געטרייע אויגען קוקען איהר גלייך אין פנים אריין.

פארשטעלט זי מיט די הענט די אויגען און בענשט.

הייליג ברענען די ליכט אין די לייכטער.

הייליג און געטריי.

היימליך.

אמעריקאנער ציוניסטען באריכטען ערפאלג

ניו יארק.

דאנערשטאג דעם 8־טען מאי איז אין דעם האל פון ליפשיץ רעסטאראן אבגעהאלטען געווארען א וויכטיגע פערזאמלונג אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט זעהר פראמינענטע רבנים פון ניו יארק און אומגעגענד.

די פערזאמעלטע האבען בעשפראכען פערשיעדענע פלענער ווי אזוי צו ענטוויקלען אן אקטיווע ציוניסטישע טהעטיגקייט צווישען די ברייטע ארטהאדאקסישע מאסען, אייניגע פון אגודת הרבנים המטיפים האבען געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די פערזאמעלטע אויף די פערשיעדענע ידיעות וואס זיינען לעצטענס געווען געדרוקט אין א פאר צייטונגען און לויט וועלכע עס הייסט אז די ציוניסטישע קאמיטע אין ארץ ישראל פיהרט זיך פארטייאיש און אונטערדריקט די ארטאדאקסישע ארגאניזאציעס.

א פארשלאג אז מען זאל איינלאדען מר. לואיס ליפסקי, דעם ארגאניזאציאנס סעקרעטער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן, כדי צו הערען פון איהם א גענויע ערקלעהרונג וועגען דער טהעטיגקייט פון דער ציוניסטישער קאמיסיע, איז איינשטימיג אנגענומען געווארען. מר ליפסקי האט ערקלעהרט אז ער איז מיט פערגעניגען בערייט צו געבען אלע ערקלעהרונגען און ער איז אויך באלד געקומען צו דער פערזאמלונג פון די רבנים,

אויסהערענדיג אלע ערקלעהרונגען און תשובות אויף אלע פראגען וואס זיינען איהם געשטעלט געווארען, האבען די רבנים איינגעזעהען, אז די אלע ידיעות וואס ווערען לעצטענס פערשפרייט וועגען דער ציוניסטישער ארגאניזאציע מכח פארטייאישקייט, אנטי ארטהאדאקסי א. א. ו. זיינען ניט גענוג בעגרינדעט און צייטענוויז בייזוויליג. די פערזאמלונג האט בעדאנקט מר. ליפסקי פאר זיינע אינפארמאציעס און האט איינשטימיג בעשלאסען אנצופיהרען א פיעל זייטיגע ציוניסטישע טהעטיגקייט האנד אין האנד מיט דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן.

פון די באריכטען וואס די רבנים האבען אפגעגעבען, ספעציעל הרב ברוך כהן מבריינסק און הרב בראדסקי פון נוארק ניו דזשורזי איז געווען צו זעהען אז ניט קוקענדיג אויף די לעצטע אטאקעס וואס זיינען סיסטעמאטיש אנגעפיהרט געווארען געגען דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן, פערשטעהען דאך די ארטהאדאקסישע מאסען מיט זייער געזונטען חוש אז איצט איז ניט די צייט פאר רייסערייען און אז די ציוניסטישע ארגאניזאציאן פיהרט איצט אן אין דעם איצטיגען היסטארישען מאמענט די שווערע אויסגאבען וואס זיינען אויף איהר ארויפגעלעגט געווארען מיט דער גרעסטער פאראנטווארטליכקייט.

צווישען אנדערע וויכטיגע פראקטישע בעשלוסע איז אויך אנגענומען געווארען דער בעשלוס אז אין דעם משך פון די קומענדע עטליכע וואכען זאלען די רבנים האלטען רעדעס אין זייערע שוהלען וועגען דער וויכטיגקייט פון דעם רעסטארישאן פאנד און דעם רעדזשיסטרירען זיך אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן

צווישען די רבנים וואס האבען אנטייל גענומען אין דיעזער פערזאמלונג איז געווען:

הרב ליוואי, הרב ברעסלער, הרב בראדסקי, הרב דר. ביכלער, הרב גאלדבערג, הרב קאבלענץ, הרב ברוידי הרב וואסערמאן, הרב ליבאוויץ, הרב פיינטאל הרב גאראדסקי, הרב הורוויץ הרב ברוך כהן, הרב יהודלעוויץ, הרב גאלובאווסקי, הרב העכט, הרב פליישער, הרב מינקין, הרב אבעלעס, און פיעלע אנדערע.

ביי די האלב ווילדע אפריקאנער.

א זעהר אינטערעסאנטע בעשרייבונג פון די האלב ווילדע אפריקאנער האט איר ארויסגעגעבען א געוויסע מרס. מעק'בראידא וועלכער האט זיך איצט אומגעקעהרט פון א רייזע איבער אייניגע אפריקאנער געגענדען.

איינע פון די וויכטיגסטע שטעלען אין איהר בעשרייבונג איז, וואו זי דערצעהלט פון איהר בעגעגעניש אין אנגאלא א וועסטליכע געגענד פון אפריקא. איינמאל איז זי און איהרע מיטמענשען געקומען אין א דארף. דאס דארף איז בעשטאנען פון א געוויסער צאהל הייזלאך, אויסגעפלאכטען פון צווייגען און צעווארפען אין אומארדנונג. איידער מען איז אריין אין דארף האט מען געשיקט אנזאגען אז מען קומט, און ווען די קאמפאני איז געקומען איז שוין דער קעניג מיט זיינע מענשען געווען גרייט אויפצונעהמען די געסט.

דער קעניג איז געזעסען אויף א געוועהנליכען הילצערנעם קאסטען, פון די אין וועלכע מען שיקט געוועהנליך סחורות קיין אפריקא. געוויס האט דער „קעניג" בעצאהלט ווער ווייסט וויפיעל פונט גומי פאר דיעזען קאסטען, ווייל דיעזע האלב ווילדע אפריקאנער האבען זעהר פיעל גומי און טאמער געפעהלט זיי עפיס א זאך ביי די „ווייסע", קויפען זיי עס אפ מיט גומי פון זיי.

דער „קעניג" אליין איז געווען שוין אן אלטער מאן, אנגעטאן איז ער געווען אין זיינע בעסטע יום טוב'דיגע קליידער. דער בויך זיינער איז געווען בעדעקט מיט פעלכלעך, אויף די פיס האט ער געטראגען א פאר אלטע אייראפעאישע געלע שיך. אויף דעם לינקען פוס האט ער געטראגען א העל גרינעם זאק, וואס האט אויסגעזעהען מלא חן אויף א שווארצען פוס אין לעבען א געלען שוך... אפנים, מעהר ווי איין זאק האט ער ניט געקענט קריגען, ווייל אויפ'ן רעכטען פוס האט ער קיין זאק ניט געהאט.

א רעקעל האט דער „קעניג" אויך געטראגען, אבער אהן ארבעל. דערפאר האבען זיך ארויסגעזעהען זיינע דיקע הענד, אויף וועלכע עס זיינען געווען אנדרעהט אלטע קופערנע דראטען. אזא מין ציערונג. אויפ'ן קאפ האט ער געטראגען אן אלטען אפגעטראגענעם זיידענעם צילינדער, אבער אהן א דעכעלע, אזוי, אז דער רעגען האט פריי געקענט אריין... דער צילינדער איז געווען אויסגעפוצט מיט אלערליי סארטען פעדערין פון פויגלען.

ווען מען האט דעם „קעניג" די מתנות וועלכע זיינען בעשטאנען פון א שטיקעל ביליגע סחורה, עטליכע קליינע שפיגעלאך און א זעקעלע זאלץ, וואס איז דארט א זעלטענהייט, איז זיין הארץ באלד ווייך געווארען, און ער איז געווארען גאר אן אנדער מענש, ניט קיין האלב־ווילדער... ער האט דאן געהאלפען דער קאמפאניע קויפען היהנער, אייער, האניג און אנדערע גוטע זאכען, וואס האבען זיך געפונען אין יענעם האלב ווילדען דארף.

וואס רומענער קענען!

די „וויענער מארגענצייטונג" ברענגט פאלגענדע ווארנונג פאר די אידישע פליכטלינגע אין בעהמען און מעהרען:

ווי מיר דערוויסען פון גוט אינפארמירטער זייט, זענען די פליכטלינגע פון בעהמען און מעהרען, וועלכע האבען זיך געלאזט פאהרען אהיים אין דער בוקאווינא אויף דער בוקאווינער גרענעץ אין שניאטין פון די רומענישע בעהערדען איינגעהאלטען געווארען און ווערען אלס „פרעמדע" נישט אריינגעלאזט אין דער בוקאווינא. דארט מוזען זיי זייער פיעל ליידען, זיי וואלגערן זיך אהן א געלעגער און האבען נישט קיין שטיקעל ברויט.

מיר ווארנען דעריבער די פליכטלינגע אין בעהמען און מעהרען, אז זיי זאלען דערווייל נישט פאהרען קיין בוקאווינא.

אט דאס קענען די רומענער! זיי, די ווילדע באנדע, וואס איז אריינגעפאלען אין דער בוקאווינא מיט רויב און מארד פלינדערונגען און שחיטות, זיי זענען די היימישע, און די אידען, וואס האבען דארט געוואוינט יאהרענלאנג, וואס זענען אנטלאפען דוקא צוליעב די רומענישע און רוסישע אכזריות אין אנפאנג פון דער מלחמה און ווילען זיך איצט נאך א לאנגען נע־ונד צוריקקעהרען צו זייער אויסגערויבטען האב און גוטס — זיי זענען די פרעמדע.

אזוי געהט עס שוין די עלענדע מלחמה פליכטלינגע: פון בעהמען און מעהרען טרייבט מען, קומט מען גאליציע האט מען פאגראמען, וויל מען אין דער בוקאווינא שטעהען מיט א ברוך הבא די רומענער, און די וועלט, הייסט עס, האט זיך היינט באנייט עס הא בעגעזעגנט פרייהייט, גערעכטיגקייט און יושר....